# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' וישלח
תשפ"ב לפ"ק
גליון קצ"ב

## פראגע

**עס שטייט אז "כל מי שיש לו צער גידול בנים אינו רואה פני גיהנם" – יעדער וואס האט צער פון אויפציען קינדער וועט נישט זען דעם אריינגאנג פון גיהנם. צי מיינט דאס אז יעדער איינער וואס ציעט אויף א משפחה מיט קינדער וועט נישט גיין אין גיהנם?**

## ענטפער:

וואס איז דער צוועק פון גיהנם? גיהנם איז געמאכט **צוצוגרייטן דעם מענטש פאר עולם הבא**. אויב ער האט געוויסע פעלערן אין זיינע מדות, וועט עס די גיהנם ארויסברענגען פון אים, ער וועט ווערן אויסגעאיידלט און אויסגעלייטערט.

גיהנם איז שרעקליך. אויב קען מען פארמיידן אפילו א קליין ביסל גיהנם לוינט זיך צו טון אלעס אויף דער וועלט דערפאר. אבער סוף כל סוף, ווען א מענטש איז אויסגעריינירגט און ער קומט ארויס פון גיהנם, ער איז בלאס, ער איז אויסגעמוטשעט פון די יסורים, אבער ער איז דא. יעצט שטייט ער גרייט אריינצוגיין אין גן עדן און באקומען שכר פאר זיינע מצות, אויף לעולמי עד ולנצח נצחים.

אויפציען א גאנצע הויז מיט קינדער איז נישט גרינג, אבער ווען מען טוט עס, וואס געשעט צו די מאמע? די מאמע איז אמאל געווען א זעלבסטזיכטיגע מיידל; זי האט געטראכט נאר וועגן זיך. יעצט איז די חתונה געהאט און איר גאנצע לעבן איז איבערגעגעבן פאר אנדערע. זי זארגט פאר איר מאן, פאר די משפחה, און זי האט אסאך קינדער. די אינגלעך קריגן זיך אגאנצן טאג און זי דארף מאכן שלום. זי דארף האבן געדולד צו זיי, זיי ווילן נישט פאלגן, ס'איז א אויסטערלישע נסיון. זי ציעט זיי אויף אויפ'ן ריכטיגן וועג, מיט געדולד. זי מוז זיך איסלערנען צו האבן סבלנות. זעלבסט-קאנטראל, זי ווערט א מענטש פון חסד – זי ברענגט אויף א דור פון עובדי ה'.

אזא פרוי דארף נישט צוקומען אז די גיהנם זאל איר אויסלייטערן; זי איז שוין דורכגעגאנגען אזויפיל זאכן אין לעבן. זי האט זיך מקריב געווען פאר די קינדער. זי האט פארקוקן פון אירע אייגענע הנאות, כדי צו טון חסד מיט אנדערע. אנשטאט קויפן קליידער פאר זיך, האט זי געקויפט פאר די קינדער. ווען עס איז געווען א שטיקל קוכן אדער צוקערל אינדערהיים האט זי עס נישט געגעסן, זי האט עס געגעבן פאר אירע קינדער. אלעס האט זי אוועקגעגעבן פאר אירע קינדער כדי זיי אויפצוציען אויפ'ן דרך התורה. זי האט געליטן ביינאכט; זי איז נישט געשלאפן געהעריג צוליב אירע קינדער.

איז דער אויבערשטער זאגט, "דו האסט אלעס אוועקגעגעבן



פאר מיינעט וועגן, דו האסט אויפגעצויגן עובדי ה', דו דארפסט שוין נישט קיין גיהנם ווייל דו ביזט שוין אלעס דורכגעגאנגען ביים לעבן און דו ביזט שוין אויסגעלייטערט, דו קענסט אריינגיין תיכף אין גן עדן נאך די 120 יאר.

אודאי רעדט מען אין פאל ווען זי מאכט זיכער אויך נאכדעם וואס זי מאכט חתונה די קינדער זיך צו פירן מיט א לעבן פון יראת שמים. צומאל ווען א פרוי האט מער צייט טראכט זי וועגן פארן אויף פלעצער, האבן א רייכערע הויז; זי קען פארדארבן נאכדעם אויך. אבער לאמיר זאגן זי האט נישט קאליע געמאכט נאר זיך ווייטער געפירט מיט די אלע שלימות וואס זי האט זיך איינגעקויפט אלס רעזולטאט פון צער גידול בנים, דאן איז נישט קיין שאלה אז זי דארף נישט צוקומען צו די גיהנם איר אויסצולייטערן, זי גייט גלייך אריין אין גן עדן.

## פראגע

**איז די ליקוי לבנה וואס מיר זעען פון צייט צו צייט דאס וואס חז"ל מיינען ווען זיי זאגן אז עס איז נישט קיין גוטע סימן פאר כלל ישראל?**

## ענטפער:

די שאלה איז צו די ליקוי לבנה וואס מיר זעען, די זעלבע וואס חז"ל זאגן אז "לבנה לוקה סימן רע לשונאיהם של ישראל" (סוכה כט, א).

לאמיך אייך עפעס ערקלערן: א ליקוי לבנה איז באזירט אויף א מאטאמאטישער חשבון. עס ארבעט אויף א באשטימטע סדר אז עס מוז געשען א ליקוי. אבער דאך, דער **מציאות** פון א ליקוי לבנה האט דער אויבערשטער **אויסגעשטעלט** אין אזא סארט סדר, ווייל דאס דארף אונז עפעס לערנען, עס קומט אונז אלס **א דערמאנונג**.

**"וללבנה אמר שתתחדש"** – דער אויבערשטער האט געזאגט פאר די לבנה אז ער זאל זיך באהאלטן יעדן סוף חודש און זיך צוריק באווייזן ווען דער נייער חודש הייבט זיך אן. פארוואס? ווייל עס זאל זיין אן עדות **"עטרת תפארת לעמוסי בטן"** – פאר כלל ישראל, **"שהם עתידין להתחדש כמותה"**, דער מציאות פון מולד הלבנה איז אן עדות פאר אונזער פאלק וואס איז יעצט צעשפרייט צווישן די פעלקער אן קיין אייגענע לאנד, אז מען וועט איין טאג צוריק אהיימקומען. כאטש מיר זענען יעצט אין גלות וועלן מיר איין טאג צוריקקומען און נאכאמאל שיינען אזוי ווי די שיין פון די לבנה ווען עס באנייט זיך אנהייב פונעם נייעם חודש. די לבנה איז א סימבאל פאר אונז. עס קומט אונז צו לערנען א וויכטיגער לימוד. ווען מען זעט די נייע לבנה ביי קידוש לבנה דארף מען נעמען אין באטראכט איר ווידער-באנייאונג און עס זעען אלס א סימן אז מיר וועלן אויך ווידער-באנייט ווערן אין די היסטאריע און באלייכטן די וועלט.

יעצט ווען די לבנה ווערט געשלאגן דארף עס אזוי זיין. עס איז נישט קיין צופאל אדער אן אומגעווענליכער געשעעניש וואס דער אויבערשטער האט יעצט באשלאסן צו שיקן פאר א געוויסע צוועק, ווי איר מיינט. ניין, בכלל נישט. ווייל דורכ'ן אויסרעכענען די מאטאמאטישע חשבונות קענען מיר וויסן פונקטליך ווען עס וועט פאסירן א ליקוי.

אבער פון דעסט וועגן, יעדעס מאל עס געשעט א ליקוי לבנה דארפן מיר אפלערנען א לימוד. מיר זענען מחויב צו זאגן אז דער אויבערשטער וויל אונז דערמאנען אז ער קוקט אויף אונז, און ווען מיר געבן נישט אבאכט און מיר פירן זיך נישט אויף ריכטיג מאכט ער א ליקוי לבנה כדי אונז צו דערמאנען תשובה צו טון. א ליקוי לבנה קומט אונז לערנען אז מיר זאלן תשובה טון און נישט באהאלטן אונזער פאטענציאל פון באלייכטן די וועלט. און מיר דארפן אויסנוצן דעם ליקוי פאר דעם צוועק. יעצט אודאי טוען עס נישט מענטשן. זיי טראכטן בכלל נישט. אבער אויב טראכט מען קען מען ריכטיג אויסנוצן דעם געלעגנהייט.

במילא, אפילו מען ווייסט אז עס גייט פאסירן א ליקוי, יעדער ווייסט עס, איר האט געהערט וועגן דעם בעפארשטייענדן ליקוי לבנה פון די גוים, ווייל עס דארף געשען לויט א באשטימטע סדר, אבער ווען עס געשעט דארף מען זאגן, "חטאנו, און מיר ווילן תשובה טון."

די נייע לבנה איז א דערמאנונג פאר אונז איבער אונזער תכלית אויף דער וועלט, אז מיר זענען אנגעגרייט צוריק באנייט צו ווערן אין היסטאריע פונקט ווי די לבנה. און די ליקוי לבנה איז געמאכט אונז צו דערמאנען אז מיר דארפן תשובה טון אויף אונזערע עבירות וואס פארשווארצט די ווידער-באנייאונג פון די לבנה. (E-219)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעכאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
**א וואך**
**מועדים $3**

**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**




# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב